בעזהשי"ת

# דורותינו

א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות

גליון כ"ו
עש"ק פ' טהרה שבת הגדול
תשפ"ד לפ"ק

הפצה נתנדב ע"י:

לע"נ הגה"צ רבי צבי הירש בן רבי חיים מייזליש אב"ד ור"מ שאפראן
יומא דהילולא י"א ניסן - ערב שבת הגדול

הר"ר חיים נחום קאהן הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

הר"ר שלום ראזענבערגער הי"ו
לרגל הולדות בתו

לע"נ הרה"ק ר' אשר ישעי' ב"ר אליעזר ליפמאן מראפשיץ זי"ע
יארצייט י"ד ניסן ערב פסח

הגאון ר' שלמה ראזענבערגער שליט"א - ר"י באר יואל
לרגל הולדות נכדתו

תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב.


**השמר והזהר!**

## גיפטיגע ליפלעטן ווערט ארומגעשיקט אויף פאסט דורך די פארשאלטענע מוסרים רשעים פון די ארגאניזאציע 'אפפע"ד שר"י

**על ביעור חמץ; רבנים פאדערן אויף דאס מבער צו זיין, און נישט ארייננצוקוקן אין די ספרי מינים!**

# רשעי 'אפפע"ד פארלאנגן אויך אנצוהאלטן די ניי אנטדעקטע מסורה פון די בעלי המסורה החדשה מיט א געמיינזאמע שטימע איבער די 'מסורה' פון לימודי חול

אין די לעצטערע תקופה איז דער ציבור געווארן באוויסטזיניג צו א **נייעם** 'מסורה' וואס געוויסע עלעמענטן האבן אנגעהויבן צו פארשפרייטן און פראפאגאנדירן **אז זאגאר די מסורה וואס מיר האבן מקובל פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, איז דייקא נאכצוקומען אלע רעגירונגס פארלאנגען בנוגע לימודי חול, ובכללם לערנען אלע סארט 'חכמות חיצוניות** דער רבי האט מכלומרש'ט בלויז מקפיד געווען צו צענזורירן אפענע כפירה ותועבה, **חוץ מזה איז אלעס הכל אשר לכל, כשר וישר רח"ל מהאי דעתא!**

ווי שוין באריכטעט איבער די שפאלטענעס פון 'דורותינו' האבן שוין גדולי הרבנים שליט"א מוחה געווען כדת של תורה איבער דעם, און ארויסגעברענגט די שרעקליכע פארברעך פון תולה זיין בוקי סרוקי באותו צדיק, און די געפערליכע הסתה והדחה וואס ליגט אין דעם.

דער דראנג פאר אזא נידריגע פרעצעדענטלאזע אקט צו פאבריצירן א 'נייע מסורה' אשר לא שערום אבותינו ורבותינו איז צושטאנד געקומען נאכדעם וואס 'אגודת ישראל' און אירע פארבינדעטע, האבן ליידער מצליח געווען גענצליך צו אונטערווארפן א גרויסער טייל פון די מוסדות התורה אונטער די רעגירונג, דורכן באיינפלוסן די מוסדות צו קלויבן א פעטווע' וואס מיט דעם האבן זיי זיך אונטערגענומען א סעקולארע חינוך גלייך צום פאבליק סקול רח"ל.

ווי באריכטעט פאריגע וואך האט מען שוין ליידער אנגעהויבן מיט די פאקטישע איינפירונג פון די פארלאנגטע רעגולאציעס, מיטן געבן פאר די תשב"ר רעגירונג באשטעטיגטע **אסעסמענט טעסט**"ס אויף א הויך קלאסיגן **ענגליש מיט מאטאמאטיק**, וואס דארף נאכקומען מיט טריפה'נע **סייענס** און טמא'נע **סאושעל סטאדיס טעסטס.**

דאס איז אויסער דעם וואס געוויסע מוסדות האבן לעצטנס אויך אריינגעגעבן א **'טיים-פלאן'** פאר די רעגירונג, **וואס דארטן טוען זיי זיך פונקטליך פארפליכטן מיט באשטימטע דאטומס, וויאזוי די 'סאבסטענשול עקיווילענט' אנווייזונגען מיט אלע אירע לימודים און פרטים, וועלן דורכגעפירט ווערן איגערהאלב די מוסדות התורה,** און אויך איינגעלאדענט די **רעגירונג אינספעקטארן** ארייננצוקומען אין די מוסדות הקדושים זיך צו איבערצייגן פערזענליך אז מען לערנט טאקע מיט די הייליגע תשב"ר די אלע פארלאנגטע סעקולארע לימודירם רח"ל.

נאכן ליינען דעם 'מסורה ביכל' האט מען זיך קוים געקענט גלייבן, און אסאך האבן געטראכט אפשר האט דאס גאר 'אפפע"ד געשיקט, אבער זעהנדיג די נעמען פון היימישע יונגעלייט אלס פארפאסער פון דעם ביכל איז דאס געווען פאר יעדן בר דעת אשר נשמת רוח חיים באפו, א שרעקליכער ווייטאג און שטוינונג, נישט גלייבנדיג ווי ווייט נגיעות מיט חשבונות קען מעביר זיין על דעתם ועל דעת קונם, צו פעלשן די גאנצע הייליגע מסורה, אלעס בלויז כדאי' עס זאל זיך צוזאמשמעלצן מיט די נייע אפמאכן פון 'אגודת ישראל' און אירע פארבינדעטע.

אבער וואונדער איבער וואונדער, ווען **אינעם ליפלעט וואס די רשעי 'אפפע"ד זעלבסט האבן ארומגעשיקט אין די פאסט די וואך פ' טהרה, שרייען זיי אקוראט די זעלבע זאך! רוממות ה'מסורה' בגרונם,** די פושעים ומשומדים **שרייען, אז זיי בעטן סך הכל א טיעפן ענגליש און מאטאמאטיק, סייענס און סאושע"ל סטאדי"ס, און אפילו פארמערטע שעות, אלעס פונקטליך לויט די אנווייזונגען פונעם 'רבי'נס מסורה'!**

ענליך צו דעם שפראך האבן זיי שוין געשריבן בעבר אין זייערע פריערדיגע שמוציגע לופלעטן. »

## גייענדיג צום דרוק:

# נייעס באריכטן מעלדן אז עס קאכט זיך א פרישע געזעץ אין אלבאני בנוגע די גזירת החינוך

New York Capital Region Hudson Valley Business Opinion Entertainment

TIMES UNION Subscribe

NEW YORK

**Late push to delay private school education requirements**

Yeshivas have protested the "substantial equivalency" rule adopted by the Board of Regents in 2022

By Joshua Solomon
April 17, 2024

4/18/24, 12:11 AM Late push to delay private school education requirements




Members of the ultra-Orthodox and Hasidic Jewish communities hold a protest before a Board of Regents meeting to vote on new requirements that private schools teach English, math science and history to high school students on Sept. 12, 2022, outside the New York State Education Department Building in Albany. Leaders of the yeshivas say that the new regulations would destroy their schools but supporters of the changes say it will simply mean private schools teach classes already required in public schools.
Will Waldron/Times Union

ALBANY — State officials are considering a last-minute push to alter implementation of the upcoming, controversial requirements for private schools, including yeshivas, to meet certain education standards, according to a source familiar with the budget negotiations.

אין אן ארטיקל אין די טיימס יוניאן ווערט באריכטעט דעם מיטוואך, איבער א געזעץ וואס דארף מכלומר'שט לייכטער מאכן די גזירת החינוך, וואס מען וויל דורך שטופן אין דעם היי' יעריגן בודזשעט וואס דארף אדורך צו גיין דעם היינטיגן פרייטאג.

מערקט אן; אז ווידעראמאל ווען די 'טיימס יוניאן' וויל געבן אינעם אריינפיר פונעם ארטיל א ביישפיל אז כלל ישראל איז קעגן דעם גזירת החינוך, טרעפן זיי נישט עפעס א אנדערע משל, ווי דעם 'ראלי' אין אלבאני, וועלכע איז ארגאנאזירט געווארן דורך הרבנים הגאו"צ שליט"א א טאג בעפאר די גיידליינס איז ליידער באשטעטיגט געווארן.

דאס הארץ פון כלל ישראל צאפלט אז די יעצטיגע געזעצן זאל ח"ו נישט זיין א איבערשפיל פון די 'פעלדער געזעץ', וואס האט ליידער עווענטועל געברענגט דאס פארקערטע, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי. ■

# פתגמין קדישין

### איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך

די גמ' זאגט אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים זענען זיי געווען גלייך צו תרנגולים המנקרים באשפה, זיי האבן אפי' נישט געוואוסט ווי אזוי צו נוצן כלי סעודה, פונדעסטוועגן האט מען זיי תיכף געברענגט צום הר סיני און געגעבן די תורה נאך פאר מ'האט זיי אויסגעלערנט אנדערע זאכן.

**ווייל מ'קען נישט נעמען די אידן פאר א פאלק, נאר אויב מ'וועט זיין איגאנצן אפגעשיידט פון די גוים און זייערע וועגן, און נישט לערנען זייערע חכמות, אפי' די חכמות וועלכע זענען גלייך צו אונזער חכמה, ווייל אויב מ'טוט זיך נישט דערווייטערן דערפון בתכלית הריחוק, קען מען גאר שנעל ווערן איבערגעדרייט צו זיי.**

**און די זעלבע זאך מיט אונזערע קינדער, אויב מ'וועט לערנען מיט זיי חכמת חיצוניות, דעמאלטס נאך בעפאר זיי וועלן גרויס ווערן און פארשטיין ווי אזוי צו דרש'נען די תורה, וועלן זיי שוין אויסוועלן אין הפקירות און צו לייקענען בה' ובתורתו, אזוי ווי מען זעט ביי די וועלכע האבן יא אזוי געטון, רח"ל.**

(דרשות חתם סופר ח"א עמוד קי"ב וכ"כ שם: דרוש ממרן הגאון זצוק"ל משנת תקע"א בעת שהתחיל המינות להתנוצץ)

■■■

**זיי האבן זיך געקענט אפרייסן איגאנצן, נו ווען מ'גייט איין אין א שטיקל פשרה און מ'גלייכט זיך, אביסל נאכלאזן פון דער ע"ז און אביסל נישט, העטן זיי שוין געווען איינגעאנגען.**

**משה רבינו איז אבער געווען דער וואס האט נישט געוואלט מאכן קיין פשרה, ער האט נישט געוואלט אריינגיין אין קיין פשרות...**

**און זיי האבן געזען אז ער האט עפעס א דרך ער וויל נישט מאכן קיין פשרות, און דעם האבן זיי נישט געוואלט צוהערן, דעם איז זיי נישט איינגעאנגען.**

נו געגאנגען איז אחד מחמשה, ס'איז גאר דא א דיעה אין די גמרא צוויי פון שישים ריבוא....

האט פרעה גע'טענה'ט וואס ווילטס עטס האבן, ווער גייט דען מיט ענק, לאמיר זעהן 'מי ומי ההולכים' ווער זענען זיי דאס, אז ס'איז יא אזא קליינע מיניריאטעט **וואס גייען מיט ענקער עצה, ווער זענען זיי, וואס קומטס עטץ דא פארטרעטן, ועמען קומט עטץ דא פארטרעטן, ווער זענען זיי, ווער גייט מיט ענק, ס'איז דאך אזא קליינער מיניריאטעט, אפילו כ'וועל שוין זאגן אחד מחמשה, ווערט מען בטל, און גאר צוויי פון שישים רבוא נאך, האט ער אנגעקוקט אזא געשטעל, האט ער געפרעגט א קשיא, ער זאגט נישט ווער ס'וועט גיין, נאר מי ומי 'ההולכים', ווער גייט דאס טאקע איצט, לאמיר זעהן אחרי רבים להטות, לאמיר זעהן וויאזוי מ'זעמיר אויס אין כלל ישראל, ווער זענען דאס די גייערס מיט ענק.**

**משה רבינו האט געענטפערט מ'האמיר נישט קיין התבטלות ביי יודישקייט, ס'וועט קומען א ניי דור, אונז וועלמיר זיך אויפשטעלן א דור וועט זיין 'נלך' אונז וועל מיר גיין, אפילו דו קוקטס אונז אהן, דו פרעגסט מיך אויף דעם ההולכים, אבער אונז וועלמיר גיין.**

**יודישקייט קען אנדערש נישט זיין, מ'האף מיר אז דער אייבישטער וועט העלפן ס'זאל זיין דעם התגלות וועט אפירקומען, האף מיר אז ס'וועט אלעס נאך צוריק קומען מיט דעם.**

**...עס ליגט א פליכט אויף יעדן איד, אפילו איינער איז שוין נישט ביי דער בחינה, די בנערינו, אז מ'קען זיי נישט מאכן אויפאמאל, ער קען זיך נישט ענדערן, ער קען זיך נישט משנה זיין, עכ"פ איז אויף אים א פליכט, אפילו אז ער קאן זיינע קינדער נאכנישט משנה זיין אינגאנצן אויפאמאל אויף דעם נוסח, ליגט א פליכט אז מ'זאל שטיצן אזא גאטונג חינוך אז דאס זאל עקזעסטירן בעולם...**

(רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע א' בא תשי"ח מיאמי

« הפלא ופלא! - דאס וואס יעדער עהרליכער איד שפירט און שרייעט, אז 'אגודת ישראל', און די רשעי 'יאפפע"ד שפאנען צום זעלבן ריכטונג, האט זיך דאס יעצט באשיינפערליך אויפגעוויזן, אז ביידע ארגאניזאציעס האבן די זעלבע 'מסורה', ה"י.

דער ציבור הקדוש איז וואך, און וועט בעזה"י שטיין על המשמר שלא יבוא צר ואויב אינערהאלב די הייליגע בתי חינוך, והי' מחנינו קדוש. ■

**שלא יאמרו מדשתקי רבנן...** | רבנים מפורסמים לאזן הערן דעת תורה איבער דעם גרויסן סכנה פון שינוי בחומת החינוך

# הגה"צ רבי יושע ראזנבערגער שליט"א חבר הבד"ץ דהעדה החרדית וגאב"ד קרית רמ"א, לאזט הערן פייערדיגע דיבורים בחובת השעהביים מעמד חלוקה דורך 'אחיעזר'

די וואך דאנערשטאג פ' טהרה ביי די גרויסארטיגע חלוקה אין קרית רמ"א אין בית שמש פאר אלע מנהלי מוסדות עטה"ק אין ירושלים דורך די ארגענעזאציע 'אחיעזר', איז געהערט געווארן פייערדיגע דיבורים בחובת השעה דורך דעם רב, הגה"צ רבי יושע ראזנבערגער שליט"א, איבער די נחיצות פון די מוסדות על טהרת הקודש.

מיט א קול בוכים האט דער חשובער רב שליט"א אנגעוויזן אז דאס איז נישט קיין חובת קרקע דוקא אין א"י, נאר ליידער האלט מען מיט ווי אין די גאנצע וועלט פארלייגן זיך די אומה"ע אריינצושטעקן זייערע טמא'נע נעגל אין דעם הייליגן חינוך פון תינוקת של בית רבן.

דערפאר ליגט א פליכט אויף אידן אומעטום צו בויען מוסדות על טהרת הקודש, כדי נישט צו זיין אנגעוויזן אויף די געלטער פון די גוים, און אזוי ארום וועלן די רשעים נישט האבן קיין שליטה אויף די הייליגע תשב"ר.

**משכו ידיכם מעבודה זרה** ■

זאת התורה לא תהא מוחלפת

# מעמד 'זאת התורה' אין קרית יואל קומענדיגן א' קדושים הבעל"ט

קרית יואל - דעם קומענדיגן זונטאג פ' קדושים הבעל"ט - גלייך נאך דעם הייליגן יו"ט פסח דער חג האמונה - וועלן אלופי אלפי תושבי קרית יואל זיך איינזאמלען תחת קורת גג אחד, ווי מען וועט מחזר זיין און משנן זיין דעם הייליגן דרך המקובל מדור דור פון אבותינו ורבותינו הקדושים ובראשם מרן רביה"ק זי"ע, צו שטיין על המשמר לגדור גדר ולעמוד בפרץ אויף די ריינקייט פון די חינוך פון תינוקות של בית רבן.




דאס קומט אין א צייט וואס החושך יחסה ארץ און ס'דרייען זיך ארום פילע טשטושים און בלבולים, וואס ווילן אונז אוועקפירן פון דעם אמאליגן אמת'ן דרך, אזוי ווי חכז"ל האבן שוין פאראויס געזאגט, אז בעקבתא דמשיחא, ותהי האמת נעדרת.

דערפאר וועלן זיך תלמידי וחסידי רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע זיך מתאסף זיין צו הערן דעם דבר ה' ברמה פון הרבנים הגאוה"צ שליט"א תלמידי רבינו הק', ווי זיי וועלן לאזן הערן די חובת השעה אין די יעצטיגע זמנים, און ארויסברענגען דעם דעת קדשו פון מרן רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע וויאזוי מ'דארף זיך אומגיין ווען די גוים ווילן זיך אריינמישן אין דעם הייליגן חינוך. ■

א בליק אין די מוסדות על טהרת הקודש אין נ.י.

## דינער הראשונה 'תפארתינו' לטובת מוסדות עטרת בנות ריבניץ - בלומינגבורג

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פ' ויקרא איז פארגעקומען אין בלומינגבורג דער דינער הראשונה 'תפארתינו' לטובת מוסדות עטרת בנות ריבניץ אין בלומינבורג.

אלס יו"ר המעמד האט געדינט הר"ר משה חיים רובין שליט"א. דעם דבר המוסד האט מען געהערט פון מנכ"ל הר"ר יעקב דוד גאלדבערגער שליט"א, דבר החינוך פון הרב שמואל יעקב בלום שליט"א.

גאר אקטועלע דיבורים זענען געהערט געווארן דורכן נואם הכבוד הגה"צ ר' ישעי' ווייס שליט"א, דערנאך איז געהערט געווארן קורצע ווערטער דורך אב"ד העלישויא שליט"א.

א גרויסע ציבור ידידי המוסד האבן זיך משתתף געווען, עס איז אריינגעקומען גאר אויסטראנאמישע סכומים, און די הנהלת המוסד זענען ארויס מלא חיזוק זעענדיג די אויסטערלישע ווארעמקייט וואס הערשט ביים ציבור צו שטיין און ארויסהעלפן די עבודת הקודש. ■

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779 | אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלבע
צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM | ערשיינט וועבענטליך דורכן איינשרייבן ביים אויבערדערמאנטן אימעיל